# 100 Objects from the Collections of the YIVO Institute for Jewish Research




*100 Objects from the Collections of the YIVO Institute for Jewish Research*. Edited and introduced by Stefanie Halpern, New York, YIVO Institute for Jewish Research, 2025, 332 pp.

דאָס איז אַ וויזועל רושמדיקער אַלבאָם לכּבֿוד דעם 100סטן יובֿל פֿון ייִוואָ, אין וועלכן עס ווערט דערציילט די געשיכטע פֿון די אַרכיוון און דער ביבליאָטעק „אויפֿן שפּיץ מעסער“ – אויפֿן סמך פֿון הונדערט חפֿצים, דאָקומענטן, פֿאָטאָגראַפֿיעס און אַנדערע אויסשטעלאָביעקטן וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין די פֿאַרשיידענע זאַמלונגען און וואָס שטאַמען פֿון אָן אַ שיעור ערטער און קהילות.

דאָס בוך נעמט אַרײַן נישט בלויז וויזועלע און היסטאָרישע אַספּעקטן, נאָר אויך שייכדיקע קאָמענטאַרן פֿון סך־הכּל 57 מומחים אין ייִדישער געשיכטע, ליטעראַטור, פֿאָלקלאָר און קולטור. דערצו האָט צוגעשטעלט דער דירעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט, ד״ר יונתן ברענט, אַ פּרטימדיקן אַרײַנפֿיר וואָס צייכנט נאָך אַ ברייטער בילד פֿון דער געשיכטע פֿונעם אינסטיטוט גופֿא.

# Oyfn Sheydveg: Issue 2, 1939 (August) and Issue 3, 1940

*Oyfn Sheydveg: Issue 2, 1939 (August) and Issue 3, 1940* in: Archive of Jewish History and Culture, vol. 12. Edited, annotated and introduced by Joshua M. Karlip, Göttingen, Vandenhoeck & Ruprecht, 2025, 1041 pp.




מיט דעם דאָזיקן וואָגיקן באַנד איז פּראָפֿ׳ יהושע קאַרליפּ ממשיך זײַן גרויסע אַרבעט פֿון אַרויסגעבן ווײַטערדיקע נומערן פֿונעם זשורנאַל *אויפֿן שיידוועג*. דאָס מאָל איז דער באַנד אָפּגעגעבן די גורלדיקע יאָרן 1939 און 1940. גאָר באַזונדער איז דערבײַ, אַז דער דריטער נומער פֿון 1940, וואָס מען האָט בשעתו נישט באַוויזן אַרויסצוגעבן, ווערט דאָ רעקאָנסטרויִרט און פּובליקירט צום ערשטן מאָל. בכלל שטעלט דער זשורנאַל מיט זיך פֿאָר אַ זעלטענעם שפּיגל פֿון דעם מצבֿ, פֿאַרנעם און פֿעיִקייטן פֿון דער אייראָפּעיִש־ייִדישער אינטעליגענץ האַרט ערבֿ און אין דער סאַמע ערשטער מלחמה־תּקופֿה. עס ווערן דאָ פּרעזענטירט אי דער אינהאַלט פֿון די צוויי שייכדיקע נומערן אינעם מקור אי די ספּעציעל צוגעגרייטע איבערזעצונג אויף ענגליש (יאַנקל סאַלאַנט און קאַרליפּ). דער ערשטער טייל בוך איז געווידמעט קאַרליפּס גרינטלעכן, וויסנשאַפֿטלעכן אַרײַנפֿיר. אויף איבער 60 זײַטן ווערן פֿאָרגעשטעלט די ברייטערע געשיכטע, אַ קאָנקרעטע סטרוקטור, פֿאַרשיידענע טעמעס און פֿראַגעס פֿון דעם זשורנאַל. נאָך די ספּעציפֿישע 27 אַרטיקלען פֿון ביידע נומערן, וואָס שפּיגלען אָפּ – נישט געקוקט אויף דעם עקסטרעמען צײַטקאָנטעקסט – אַ ברייטע גאַמע מחשבֿות, קומט אַ רײַכע ביבליאָגראַפֿיע מיט אָפּשיקן צו אַ סך אינטערעסאַנטע אַרכיוו־דאָקומענטן. נישט צו פֿאַרזען איז אויך דער וויכטיקער און בײַהילפֿיקער זוכצעטל לויט ערטער, מענטשן און טעמעס. ווי שוין דער ערשטער באַנד, וואָס קאַרליפּ האָט פּובליקירט אין 2023, זאָגט אויך דער איצטיקער צווייטער עדות אויף אַ רושמדיקן אויפֿטו פֿון אַן ערנסטן פֿאָרשער. דאָס בוך איז אומזיסט צוטריטלעך דאָ: https://www.vr-elibrary.de/doi/pdf/10.13109/9783666311604